RADOMER KIELCER LEBEN № 35 (71) „Należytość pocztowa uiszczono ryczałtem“ צוויטער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

אדרעסען
פון „ראַדאָמער קעלצער לעבען“

אין ראַדאָם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Sienkiewicza 35.

אנאָנסען פרייז:
איין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 20 גר.
„ 40 „ אין „ „ - „
„ 18 „ נאָכ׳ן „ „

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

ראַדאָם פרייטאג א׳ אלול תרפ"ה — פאַר׳ן אינהאַלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך. — 21 Sierpnia 1925 roku

Kuzynce naszej **Rózi Holckener** z narzeczonym p. **Mojżeszem Kozłowskim** życzymy szczęśliwej przyszłości

**CELA ROZENÓWNA**
**HELA HOLCKENERÓWNA**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע שוועסטער רחטשע מיט ה׳ משה קאָזלאָווסקי ווינשען אז זיי־ער צוקונפט זאָל בעגלייט ווערען פון ליבע, גליק און צופרידענהייט,

שוועסטער און ברודער האָלצקענער

# גימנאַזיום
פון דער געזעלשאַפט פאַר פּיל־ונג־פאַרשפרייטונג.

## ווילנע, פילסודסקי 13

(Gimnazjum Tow. Rozpowszechn. Oświaty, Wilno ul. Piłsudskiego 13)

האט דער יאר ארויסגעגעבען רעגירונג׳ס־מאַטורעס נעמט אָן שילער און שילערינס אין אלע קלאסען. פאר נישט־היגע ווערט געצפענט א אינטערנאַט אין גימנאַזיום מיט בילליגע וואוינונג און עסען.

# אויף פעמערקזאם
== צו ==
קאָנקורענץ
פרייזען




בעקומט איהר אלע עלעקטרישע ארטיקלען ערשטקלאסיגע קוואַליטעט אויך זשאַראַווקיס פון די פירמעס: „אָסראַם“ „פיליפס“ „טאַנקסראַם“ צו קאָנקורענץ־פרייזען.
איך נעם אָן מאַטאָרען צו פעראַכטען, ערקינדיגט אייך ביי דער פירמע

# טייכמאַן
ראַדאָם, לובלינער 21
== אין הויף. ==

צו די חתנים פון רחטשע האָלצקענער מיט ה׳ משה קאָזלאָווסקי וואונשען גליק און צופרידענהייט.

לאה׳טשע און מאיר הערץ

## טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי“ ראַדאָם.

פערהייליגטע דער ס־מרופע פון ווארשאווער יודישען ארט־סצען־פעראיין. אויפטריט פון די גאַנצע ארטיסטען הערשאפט - צווייליך, סעגאַל.
מיטן אַנטייל פרויען: ביאַלקאָוויטש (ראזענצווייג) לובארטאָווסקא, סעגאל צוויליך, צאום, שפילמאַן. ה"ה ביאַלקאָוויטש, ווינער, וויינבערג, פעלד, צוויליך

שבת דעם 22־טען ה. ח. אנהייב 4 נ. מ. — — — פון 60 גר. ביז 2 זל.
ווערט געשפילט צום 3־טען מאָהל די זעהר אויסגעצייכנעטע קאָמישע אָפערעטע

# ליאורקע מאַלאַדיעץ
אין 3 אַקטען פון לעבעדיעה

שבת דעם 22־טען ה. ח. 8,30 אַוו. צום ערשטען מאָל געשפילט דורך דער יעצטיגער טרופע. נייע אויפפיהרונג - נייע צעפּקטען, ס׳ווערט געשפילט די בעליבטע אָפערעטקע אין 3 אַקטען מיט א בילד

## די רומענישע חתונה

זונטאג דעם 23 ה. ח. 8,30 אָוונד
גרויסע פרעמיערע! גרויסע פרעמיערע! פרעמיערע! צום 1־טען מאָל אין ראַדאָם פרעמיערע!
ס׳ ווערט געשפילט יעצט די טענסאציאָנעלע פיעסע אין 4 אַק. מיט א פראָלאָג פון י. וואקסמאַן

## די אוקריינער קרבנות

1 אקט. דער פאגראם אין וואָלאָבאָוו און דאס שינדען פון טרובאָטשענקא חאכוויג׳ס טאָכטער און דאס דערשיסען איהרע עלטערען.
2. אקט די געשענדעטע קינד מיט איהר פאמיליע קומט קיין ווארשא און דאָרט דערוויסט זי זיך, אז זי טראָגט א קינד אונטער׳ן הארצען פון איהרע עלטערענס מערדער.
3. אקט דאָס צונויפטרעפען זיך אין אין פאַריז אין א האָטעל פון די געשענדעטע פ״ל וואסא מיט איהר ברודער צוזאמען מיט רובאָטשענקא. דער ברודער דערקענט דעם מערדער און ווערט אַרעסטירט.
4. אקט דאס געריכט אין פאריז און דאָס פריילאזען דער געשענדעטעס ברודער.

=== א נ ג א ס! ===
אין פארדרייטונג די טענסאציאָנעלע פיעסע:

# יאשקע אדעסיט

געשעפט׳ס פיהרער א. ר. ט. לייכטער — סופלער: לאַקס

## בעקאַנטמאַכונג

די יודישע ספּאָלדזיעלניאַ פאַר האַנדעל און האַנדווערקעריי מאַכט בעקאַנט דאָס מען נעמט אָב שפּאַראיינלאַגען פון 10 גראָשען אויף קליינע ביכלעך און דאַן ווען די געקויפטע מארקיס זענען אין די ביכלעך איינגעקלעבט ווערט דאָרויף אַרויסגעגעבען איין ווקלאַדאָווי ביכעל.
קלענערע שפאַראיינלאַגען ווערען אויסגעצאָהלט אָהן קינדיגונג.
ספּאָלדזיעלנאַ פאַר האַנדעל און האַנדווערקעריי — Plac 3 Maja 2

א סאָלידער יונגערמאַן אויס קראָקוי זוכט א מעבלירט צימער ביי א אנשטענדיגע יודישע פאַמיליע פאַר זאָפאָרט. געפעליגע צושריפטען און רעדאקציע אונטער ביער־פערטרעטונג „אָקאַצימער“

**We wtorek dn. 1-go września r.b.**
**rozpoczynam zajęcia w freblówce**
**przy ORGANIZACJI SJONISTYCZNEJ Lubelska 25.**
**Zapisy dla nowowstępujących**
przyjmuję codziennie w kancelarji zakładu od godz. 11-1
E. Gostyńska

## בעקאַנטמאַכונג

דינסטאָג דעם 1־טען וורשעשען ה. י. הויבט אָן נאָך די פעריען טהעטיג צו ווערען די פרעבלוווקע ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע לובלינער 25. נייע שילער קענען זיך איינשרייבען טעגליך אין די קאַנצעלאַריע פון דער פרעבלוווקע פון 11 ביז 1 נ. מ.

ע. גאָסטינסקא

## צו הערר ח. י. אייזענבערג קעלץ

אזוי ווי דער ענין פון דער שותפות'דיגער מיהל איז ביז'ן הײַנטיגען טאָג צוליעב אייער עקשנות נאָך נישט ערלעדיגט, פערלאַנג איך יעצט עפנטליך דעם סכסוך אויסצוגלייכען אין געגענפאַל וועל איך נישט זײַן פעראַנטוואָרטליך פאַר די וועוועטועלע קאָנסעקווענצען.

**חיים נאַווערייער**

---

**מאיר בלומענפעלד** — **אסתר שיף**

קעלץ — קראסנא (גאַליציען)

## מאורשים

מעומק לבבי נפשי מברך ברכת מזל טוב את אחי יקירי הבחור החו"ב וכו מר **מאיר בלומענפעלד** מקעלץ לארושיו עם העלמה מרת **אסתר שיף** מקראסנא וברכתי שתזכו לבנות ביתכם בקרוב על הרי ציון וירושלים.

אהיך **שמואל בלומענפעלד** ורעיתו

גם אני מברך אותך בברכת מז"ט

אחיך **מרדכי בלומענפעלד** ורעיתו

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען קוזין ה"ה **מאיר בלומענפעלד** מיט פר"ל **אסתר שיף** וואונשען מיר אַ גליקליכע צוקונפט און זייער לעבענס וועג זאָל מיט בלומען בעצירט זײַן.

פעלע גאָלדבערג

הינדע וואַקשלאַק, שפחה געפנער, חאַנטשע ראַפאַלאָוויטש, ראחטשע געפנער

---

נאָר 3 טעג! פון הײַנט אָן! ווערט געוויזען דאס בילד, וואָס יעדער יוד מוז אומבאַדינגט קומען זעהן.

# דאס נײַע פאַלעסטינע

און די פּײַערליכע ערעפנונג פון העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים

**ווילט איהר זעהן:** אייערע עלטערן, ברודער, שוועסטער און באַקאַנטע, וועלכע געפינען זיך אין ארץ-ישראל. די אלטע יודישע היים, וואס אין פערלויף פון עטליכע טויזנט יאהר האבען די יודען נישט געהאט די מעגליכקייט זיך איבערצוקוקען. 200 אַקטועלע בילדער פון פּאַלעסטינער און קאָלאָניעס. די פייערליכע אויפנאַמע פון לאָרד באַלפור, נחום סאָקאָלאָוו, פּראָפ. חיים וויצמאַן, הרב קוק, אוסישקין, אחד העם, ביאַליק, יודישע און פּוילישע ליטעראַ- זשורנאַליסטען פון פּוילען ווי אויך די דעלעגאַציע פון וואַרשע אין פאַלעסטינע. טאָר יעדער ייד נישט פאַרשפעטיקן און זעהן. יודישע פאָליציי, פייערליכע פערהיילונג פון מכבי. ביים אַנקומען פון די יודישע שיף „פּרעזידענט-אַרטור" פון אַמעריקאַ א. ז. וו. קומט מאַסענווייז

**קינאָ „פּענאַמען" קעלץ.**

---

## עס ווערט געזוכט אַ יונגעל.

עס איז נויטיג אַ יונגעל, אין עלטער פון 15 ביז 18 יאָהר, אין מעבעל מאַגאַזין פון דער פירמע **ס. מוליער.** ראַדאָם לובלינער 30

---

ס'ווערט געזוכט אַ פעהיג לערן-אינגעל און לערן-מיידעל אין דער

**האַפּט-פאַבריק** ספּאַצעראָווע № 12

---

## דאנקזאגונג.

דערמיט בעשטעטיגען מיר דאָס מיר האָבען ערהאַלטען פון ה' **פראַנציִשעק יאַבסט** (אייגענטימער פון דער סאָדע-וואַסער פּאַבריק „ראַדאָמיאַנקאַ") **100 (הונדערט) זלאָטעס** לטובת דער געזעלשאַפט **„עזרה"** פאַר וועלכע מיר דאַנקען.

מיט אכטונג די געזעלשאַפט **„עזרה"** אין ראַדאָם

---

## אכטונג מיטגלידער פון קאָאָפּ. זעלבסטהילף!

זונטאג דעם 6-טען ווזשעשען 8 אַוונד וועט אין לאָקאַל פון האַנדוולס-קלוב פּאַרקומען די 2-טע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכע עס וועט געוועלט ווערען די ליקווידאַציע-קאָמיסיע.

**די פערוואַלטונג**

---

## אַ שיינער טהאַט פון אַ ראַדאָמער בעל הבית.

איך האָב די עהרע פאַרצושטעלען איינעם פון די היגע שעהנע בעלי בתים, וועלכער איז אַגב אויך אַ גבאי אין דער חברה קדושה. דער דאָזיגער שיינער יוד הייסט שמואל בוימגאַרטען און זיינע דרכים אויף אויסצוגלייכען זיך מיט זיינע לאָקאַטאָרען בעשטעהען אין סקאַנדאַלען, בעליידיגונגען און געשלעגערייען, וועלכע ער אַליין פיהרט אויס. איך האָב מיט איהם געהאַט אַ סכסוך וועגען דער נאָרמע אויף דירה-געלד צוליב דעם, וואָס מיין דירה איז געגאַנגען אין 1914 60 רובעל און ער האָט ביי מיר געפאָדערט לויט 130 רובעל וואָס איך האָב געמוזט בעצאָהלען. און נישט קוקענדיג, וואָס דאָס דאַרף ערשט ענטשיידן דאָס געריכט קען ער נישט וואַרטן ביז ס'וועט זיך ענדיגען דאָס קוואַרטעל און פערפאָלגט מיך אויף אַ אונמענשליכען אופן, אזוי האָט ער אַליין אָנגעגאָסען מיט ברודיג וואַסער מיין פרוי און נישט גענוג דאָס געשלאָגען זי מערדעליך הײַנטיגען דאָנערשטאָג מיט אַ לאָפּאַטע אזוי, אַז מ'האָט געמוזט רופען דעם ד"ר קעלערוואָרם און דעם פעלדשער אברהם פינקעלשטיין, וועלכע קענען צוזאַמען מיט די לאָקאַטאָרען דאָס בעשטעטיגען. עס איז אויך וועגען דעם צונויפגעשטעלט געוואָרען דורך די פּאָליציי אַ פּראָטאָקאָל. זאָל האָטש וויסען די חברה קדושה וועגען די שעהנע מעשים פון זייער גבאי.

**מענדיל גלזַטט.**

---

צו דער חאַכצייט פון אונזער ליבע קוזינקע פרל' **זייפמאַן** מיט ה' **אברהם זילבערשטיין** ווינשען מיר דאָס זייער מזל זאָל אויפשײַנען און מיט זייער שטראַלען זיי בעגלייטען אויף די בערג פון ציון אין ירושלים

**זלאַטע, שרה'לע, טויבע ראָזענצווייג**

---

אונזער קוזינקע **רחטשע האַלצקענעד** צו איהר פערלאָבונג מיט ה' **משה קאָזלאָווסקי** אונזער הארציגע ברכה און אַלדאָס גוטס

**ביילטשע און שמואל'עק האַלצקענער**

---

## בעקאַנטמאַכונג.

**אַ גוטער העברעער איף עברית בעברית זוכט לעקציעס** פאַר אײַנצעלנע ווי אויך פאַר אַ גרופּע מיט גוטע בעדינגונגען צו ווענדען זיך אין רעדאַקציע „ראַדאָמער = קעלצער לעבען" פאַר „ב"

---

די איין—און—איינציגע בעשטעטיגטע דורכ'ן מיניסטעריום פאַר קולטור און קונסט

# מוזיק שולע איז ראַדאַם, זגאַדנא 8. №

**אונטער דער לייטונג פון ה. גייססער**

מאַכט בעקאַנט, דאָס די עגזאַמענס און דאָס פערשרײַבען זיך פון נײַע שילער פון די קלאַסען פון: פידעל, פאָרטעפּיאַן, וויאָלאָנטשעל א. א. הײבען זיך אָן דעם, 25 שערפּיען יעדען טאָג פון 10—2 און 4—6

די שילער נעמען אָנטהייל אין: שול—אָרקעסטער, קאַמעראַל—מוזיק, טעאָריע און סאָלפעזש—אומזיסט.

דער פּראָגראַם איז שטרענג אײנהייטליך לויט'ן וואַרשאַווער רעגירונגס קאָנסערוואַטאָריום.

די צייגנישען פון דער שולע זענען גילטיג אין אַלע העכערע מוזיק שולען

די לעקציעס קומט פאַר אַ גאַנצען טאָג. — ביי דער שולע איז פאַרהאַן אַ ספּעציעלע קלאַס פאַר אָנפאַנגער.

---

**ה. גרינשטיין פעלטשער** קאָזשעניצער 25 טעלעפאָן 303 פערשידענע אײנשפּריצונגען (זאַשטיקעס)

Redaktor i Wydawca CH. M. Herc — Odbito we własnej drukarni „Radomer Kelcer Leben" Radom, Szwarlikowska № 20